# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ ז"ע

**אויף אידיש**

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת
דברים-תשעה באב-איכה
תשפ"ה
גליון קנ"ד
שנה ד'

## פרשת דברים

**די אידן האבן מורא געהאט אז אפשר האט דער אויבערשטער געגעבן מכות פאר פרעה נאר וועגן פרעה'ס רשעות נישט ווייל ער האט ליב די אידן, האט משה רבינו זיי איבערגעוויזן אז דאס איז נישט ריכטיג והא ראי' אז די אידן האבן דאס געקענט צוזען**

**וַתֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ בְּשִׂנְאַת ה' אוֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם לָתֵת אוֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ.** (א, כז)

לכאורה איז ממש א וואונדער; וואס האט געמאכט די אידן טראכטן אז כביכול דער אויבערשטער האט זיי פיינט, און ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים נאר כדי זיי זאלן שטארבן אין מדבר? און בפרט אז פרעה האט דאך באקומען די עשר מכות, וואס איז געווען די תכלית פון דעם, אויב די פלאן איז געווען נאר זיי צו הרג'ענען אין מדבר?

נאר דער רמב"ם (הל' תשובה פ"ו ה"ה) איז מאריך צו פארענטפערן פארוואס די מצרים האבן געכאפט אזעלכע מכות פאר'ן פייניגן די אידן, דער אויבערשטער האט דאך גוזר געווען "ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה" און מען האט דאס געמוזט מקיים זיין? זאגט דארט דער ראב"ד, אז עס איז נישט קיין קשיא: 'שאין הקב"ה נפרע מאדם רע אלא ברע ממנו' - דאס מיינט אז דער אויבערשטער ברענגט נישט קיין שלעכטס פאר א מענטש וואס קומט זיך אים א עונש, נאר דורך איינער **וואס איז ערגער פון אים**, ווייל יענער דארף דאך צום סוף נענש ווערן פאר'ן טון די שלעכטס. און ווענן דעם האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז **די מצרים** זאלן פייניגן די אידן, ווייל זיי זענען ווערד געווען צו באקומען די מכות פאר זייער רשעות.

לפי זה קען מען זאגן, אז פרעה האט דאך זיי געזאגט "ראו כי רעה נגד פניכם" אז דער מזל 'רעה' וואס ווייזט אויף שפיכות דמים גייט זיי אקעגן קומען, און עס איז דאך טאקע געווען אמת אזוי, נאר עס איז שפעטער נתהפך געווארן אויף דם מילה. איז יעצט ווען די אידן האבן געהערט פון די מרגלים ווי שטארק די גוים אין ארץ כנען זענען, האבן זיי אנגעהויבן צו טראכטן אז אפשר טאקע איז דער מזל 'רעה' געקומען צו ווייזן אז זיי גייען אלע אויסגע'הרג'עט ווערן אין מדבר, איי פארוואס דען האט פרעה געכאפט די עשר מכות?! האבן זיי געטראכט אז די מכות זענען געווען פשוט צו **שטראפן די מצרים** אויף זייער רשעות, ווייל אפילו די אידן האבן טאקע געדארפט ליידן גלות מצרים, האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז די מצרים וואס זיי זענען מער שלעכט זיי זאלן פייניגן די אידן, כדי די מצרים זאלן באקומען זייער פארדינטע שטראף, און די אידן זענען נאר געווען **די סיבה** אז די מצרים זאלן כאפן די פארדינטע מכות, אבער נישט ווייל דער אויבערשטער האט זיי באמת ליב.

איז דאס איז טאקע געווען די סיבה פארוואס יעצט ווען די אידן האבן געזען ווי שטארק די אמוריים זענען, האבן זיי אנגעהויבן צו טראכטן אז דער מזל 'רעה' איז טאקע געקומען צו ווייזן אז זיי גייען **שטארבן אין מדבר**. און ווענן דעם האבן זיי געזאגט: **בשנאת ה' אותנו "הוציאני מארץ מצרים"** אז בשעת יציאת מצרים איז שוין **די מזל רעה** געווען אנטקעגן אונז, און דאס איז געקומען צו ווייזן; **לתת אותנו ביד האמורי להשמידנו**, אז אונז גייען שטארבן אין מדבר.

און לויט דעם קען מען זייער גוט פארשטיין די המשך הפסוקים, וויאזוי משה רבינו האט אויפגעוויזן פאר די אידן אז דאס איז נישט ריכטיג. ווייל משה רבינו זאגט ווייטער פאר די אידן (א, ל): **ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם הוּא יִלָּחֵם לָכֶם כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה אִתְּכֶם בְּמִצְרַיִם לְעֵינֵיכֶם**. און לכאורה וואס פעלט אויס צו צולייגן **"לעיניכם"** אז זיי האבן דאס געזען מיט די אויגן? נאר דא איז משה רבינו געקומען זיי אויפווייזן **אז זיי האבן א טעות!** ווייל ביי לוט שטייט דאך אז דער מלאך האט אים געווארנט "אל תביט אחריך", ווייל ווער עס איז נישט ראוי טאר נישט צוקוקן די מפלה פון די רשעים, איז אויב וואלטן די מכות נאר געקומען ווענן די רשעות פון די מצרים און נישט ווענן די אידנ'ס צדקות וואלטן די אידן דאס נישט געמעגט צוזען.

דאס האט משה רבינו געענטפערט א תשובה ניצחת: **"ה' אלקיכם ההולך לפניכם"** עטס קענטס זען בחוש אז דער אויבערשטער איז מיט ענק, **"הוא ילחם לכם"** און ער וועט מלחמה האלטן פאר ענק קעגן די אמוריים. והא ראיה, **"ככל אשר עשה אתכם במצרים"** ווייל די אלע אותות ומופתים וואס ער האט געטון אין מצרים **"לעיניכם"** איז דאך געווען **קעגן ענקערע אויגן!** און אויב עס וואלט נאר געמיינט צו שטראפן פרעה און ענק זענען נישט ראוי דערצו, וויאזוי האט ער ענק געלאזט דאס צוזען?! אלא מאי קענט עטס קלאר זען אז די אותות ומופתים איז געווען: **ווייל ער האט ענק ליב!** אויב אזוי דארפט עטס נישט מורא האבן פון די אמוריים, ווייל דער אויבערשטער וועט ענק פון זיי אויך אפהיטן.

## תשעה באב

**פארוואס איז ארץ ישראל שמאל געווארן ביים חורבן לכאורה איז א גרעסערע עונש צו פארטרייבן פון א ברייטע גוטע לאנד**

די גמרא זאגט (ב"מ פה.) אז די חכמים און די נביאים האבן געפרעגט: **"עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ"** - פארוואס איז ארץ ישראל פארלוירן געווארן? און זיי האבן נישט געהאט קיין ענטפער, ביז הקב"ה אליין האט געענטפערט: **"עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי"** ווייל זיי האבן פארלאזט די תורה. זאגט רב יהודה אמר רב, דאס מיינט: **"שֶׁלֹּא בֵרְכוּ בַתּוֹרָה תְּחִלָּה"** זיי האבן נישט געמאכט קיין ברכה אויף די תורה.

די גמרא איז זייער שווער צו פארשטיין, ווייל אין חז"ל זעט מען דאך (יומא ט:) אז די ערשטע ביהמ"ק איז חרוב געווארן ווענן די אידן האבן געטון אסאך עבירות, איז ערשטנס: וואס איז פשט אז די נביאים האבן נישט געהאט קיין ענטפער "על מה אבדה הארץ", האבן זיי דען נישט געוואוסט אז די אידן האבן געזינדיגט? צווייטנס: וואס האט דער אויבערשטער געזאגט "שלא ברכו בתורה תחילה", איז דאס דען געווען די סיבה? און בכלל דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע חטא פון "שלא בירכו בתורה תחילה" אז דאס האט גורם געווען דעם חורבן ביהמ"ק?

נאר אינ'אמת'ן לפי פשטות הפסוקים זעט מען אז די עיקר סיבה פאר גלות בבל איז געווען ווייל די אידן האבן נישט געהיטן שמיטה. אבער למעשה פרעגט שוין דער רשב"א, אז לכאורה וואלטן די אידן געקענט האבן א שטארקע טענה אז זיי דארפן נישט גיין אין גלות אפילו זיי האבן נישט געהיטן שמיטה,

ווייל חז"ל זאגן דאך (שבת פח.) **אז ביים בארג סיני איז** די קבלת התורה געווען בכפיית ההר כגיגית, און רב אחא בר יעקב זאגט "מכאן מודעא רבא לאורייתא", אז אויב מען וועט פארהאלטן א איד פארוואס ער איז נישט מקיים די תורה קען ער ענטפערן אז דאס איז געווען **באונס**. און הגם רבא זאגט דארט אז בימי אחשורוש האט מען נאכאמאל מקבל געווען די תורה מאהבה, אבער גלות בבל איז דאך געווען פארדעם, איז אויב אזוי פארוואס זענען די אידן געגאנגען אין גלות?

ענטפערט דער רשב"א, אז אמת, קבלת התורה איז טאקע געווען באונס, אבער סוף כל סוף האט דער אויבערשטער געגעבן ארץ ישראל נאר בתנאי אז די אידן וועלן היטן די תורה, אזוויי דער פסוק זאגט (תהלים קה, מד-מה) "וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם... בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו", און אויב זיי היטן נישט די תורה - מיט די בעסטע תירוץ - קומט זיך זיי נישט ארץ ישראל.

אבער לכאורה קענען די אידן טענה'ן אויף דעם, אז דער אויבערשטער האט שוין צוגעזאגט ארץ ישראל פאר די אבות הקדושים, אויב אזוי קען מען זיי נישט פארטרייבן אין גלות פאר'ן נישט היטן שמיטה, ווייל זיי האבן דאך שוין ארץ ישראל **בירושה** פון זייערע עלטערן נאך אסאך פאר מען האט זיי בכלל באפוילן די מצוה פון שמיטה, איז אויב אזוי פארוואס זענען זיי געגאנגען אין גלות?

קען מען זאגן, אז דער אויבערשטער האט שוין לכתחילה געוואוסט פון דעם טענה, און וויבאלד ער וויל אז די אידן זאלן גיין בדרך התורה און נישט זוכן קיין תירוצים זיך ארויסצודרייען פון היטן זיין תורה און מצוות, האט ער וועגן דעם געזאגט פאר יעקב אבינו (בראשית כח, יג) "הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ", און ווי רש"י איז מסביר, אז דער אויבערשטער האט איינגעוויקלט ארץ ישראל אונטער יעקב אבינו ווי 4 אמות און געזאגט אז **דעם שטיק ערד** וועט ער געבן פאר זיינע קינדער.

מיט דעם האט דער אויבערשטער זיך באווארענט אז די אידן זאלן זיך נישט קענען ארויסדרייען פון היטן די מצוות, ווייל ער האט געוויזן אז דער שורש פון ארץ ישראל איז בעצם נישט מער ווי **פיר אמות**, נאר דאס האט א ספעציעלע כח פון "ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה" זיך אויסצושפרייטן לויט די זכותים פון די אידן וואס וואוינען דארט, ווי די גמרא זאגט (גיטין נז.) אז ווען די אידן וואוינען אין ארץ ישראל איז די לאנד ברייט און ווען זיי וואוינען נישט דארט ווערט די לאנד איינגעצויגן.

יעצט אויב וועט איינער קומען זאגן אז קבלת התורה איז געווען **באונס**, און ארץ ישראל האט ער שוין **בירושה** פון די אבות הקדושים, און ממילא קומט זיך אים ארץ ישראל אפילו ער איז נישט מקיים די מצוות, וועט מען אים זאגן: גוט, נעם דיר די **ד' אמות** וואס די אבות האבן באקומען, ווייל ארץ ישראל איז דאך בעצם נישט מער ווי 4 אמות וואס ווערט נאר ברייט דורך די זכות פון די וואס היטן די תורה, און דעם זכות האסטו דאך נישט...

ולפי זה שטימט זייער גוט די אויבנדערמאנטע גמרא, אז די חכמים און נביאים האבן געפרעגט **"על מה אבדה הארץ"**, זיי האבן נישט געמיינט צו פרעגן **פאר וועלכע עבירה** די אידן זענען געגאנגען אין גלות, ווייל זיי האבן גוט געוואוסט די סיבה. נאר זייער שאלה איז געווען: **על מה אבדה "הארץ"** - פארוואס האט **די לאנד** פארלוירן איר ברייטקייט ביים חורבן, דער עונש איז דאך לכאורה אסאך שטערקער ווען מען ווערט פארטריבן פון א **ברייטע זאפטיגע לאנד,** נישט פון א שמאלע ענגע לאנד?

האט דער אויבערשטער געענטפערט, אמת, די עונש וואלט טאקע שטערקער געווען אויב די לאנד וואלט געבליבן גרויס און ברייט, אבער די סיבה אז **די לאנד איז שמאל געווארן** איז: **"על עזבם את תורתי - שלא ברכו בתורה תחילה"**, ווייל זיי האבן נישט געזאגט די ברכה וואס מען דאנקט אויף די תורה; **"אשר קדשנו במצוותיו וצונו"**, נאר זיי זוכן זיך א תירוץ אז די גאנצע קבלת התורה איז געווען **באונס**, איז אויב דער אויבערשטער גיבט ווען פאר די אבות **א ברייטע ארץ ישראל** קענען זיי טענה'ן אז אפילו זיי היטן נישט די תורה קומט זיך זיי ארץ ישראל ווייל זיי האבן דאס שוין **בירושה** פון די אבות, וועגן דעם האט דער אויבערשטער לכתחילה געמאכט אז ארץ ישראל זאל נישט זיין מער ווי **ד' אמות** וואס צושפרייט זיך נאר לפי זכותים, אזוי אז אויב זיי היטן נישט די תורה וועט די לאנד אטאמאטיש ווערן שמאל און ענג.

יעצט שטימט זייער גוט אז **"שלא ברכו בתורה תחילה"** קומט נישט זאגן אז וועגן דעם זענען זיי **געגאנגען אין גלות**, נאר אז וועגן דעם איז געשען **"אבדה הארץ"** אז ארץ ישראל האט **פארלוירן איר ברייטקייט** ווען די אידן זענען געגאנגען אין גלות.

**'מלא העומר' פרשת בהר כה, א**

## מגילת איכה

### ביים חורבן בית שני איז די לעצטע געלעגנהייט פאר די גוים זיך צו פרייען אויף די צרות פון די אידן

**שִׂישִׂי וְשִׂמְחִי בַּת אֱדוֹם... תַּם עֲוֹנֵךְ בַּת צִיּוֹן לֹא יוֹסִיף לְהַגְלוֹתֵךְ.** (ד, כא-כב)

רש"י זאגט, אז ירמי' הנביא האט דא נביאות געזאגט אז דער צווייטער בית המקדש גייט חרוב ווערן דורך אדום - די רומיים, און ער האט זיי געזאגט אז זיי וועלן זיך טאקע פרייען לפי שעה, אבער צום סוף גייען זיי טייער צאלן אויף דעם.

פארוואס האט ער געזאגט א כפל לשון; **"שישו ושמחו"**? ווייל איינער וואס האט מערערע געלעגנהייטן זיך צו פרייען געבט נישט ארויס זיין גאנצע שמחה אויפאיינמאל, ווייל ער ווייסט אז ער קען איבערלאזן זיך צו פרייען ביי א צווייטע געלעגנהייט. אבער איינער וואס ווייסט אז דאס איז זיין לעצטע געלעגנהייט, כאפט ער אריין זיך צו פרייען ווי מער ער קען, ווייל 'אם לא עכשיו אימתי'.

וועגן דעם האט ירמי' הנביא געזאגט: **"שישו ושמחו בת אדום"** - אדום, כאפ אריין זיך צו פרייען און פרייען ווי מער דו קענסט, ווייל **"תם עונך בת ציון לא יוסיף להגלותך"** נאכן חורבן בית שני גייט שוין נישט זיין נאך א גלות און דו וועסט נישט האבן נאך א געלעגנהייט זיך צו פרייען, ווייל נאכדעם גייט שוין קומען די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**

gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **שמשון סטפנקי** הי"ו

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יעמוד בעדו לברכה
והצלחה בכל הענינים.